בס"ד

# תורת אביגדור

מקונטרס שפתי אביגדור של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

ראש השנה
שנה ב'




## אמרו לפני מלכיות

### כפיפות ראש פארן מלך

**די** גמרא זאגט אין מסכת ראש השנה **בראש השנה כמה דכייף איניש דעתיה טפי מעלי** - אום ראש השנה וויפיל א מענטש טוט איינבייגן זיין דעת איז אסאך בעסער. דאס מיינט נישט אז דער דעת ווערט פארבויגן און קלענער, אדרבה דורך איינבייגן דעם דעת ווערט דער דעת גרעסער.

"כייף דעתיה" מיינט אז וואס מער א מענטש טוט איינבייגן דעת עצמו, ער בייגט איין דער "**זיך**" דעמאלס איז טפי מעלי. פארוואס טאקע איז דער ארבעט אום ראש השנה איינבייגן דעם דעת? ווייל ראש השנה איז דער צייט פון מכיר זיין די מלכות ה' און "מלכות" מיינט אז ס'איז דא עבדים. ווייל בעצם פעלט נישט פונעם אויבערשטן מלכות, אזוי ווי עס שטייט ה' מלך עולם ועד - דער אויבערשטער איז דער קעניג פון אייביג, אבער ער האט אויסגעשטעלט די בריאה אויף אזא אופן אז עס זאל זיין א מלכות מיט עבדים. און ווען דער אויבערשטער האט באשאפן דעם מענטש איז שוין געווען ווער עס זאל מכיר זיין די מלכות ה' דעמאלס איז דער אויבערשטער געווארן א מלך, און דאס איז געווען די ערשטע ר"ה אין די בריאה - "היום הרת עולם". **לאהבה את ה' אלקיכם ולעבדו -** "לעבדו" מיינט צו זיין זיינע עבדים, דאס איז די צורה פון דער גאנצער עבודה, נישט די מעשים וואס מיר טוען אין עבודת ה', נאר פון די אלע מעשים וואס מיר טוען דרוקט זיך אויס די צורה פון עבדות - אז מיר זענען זיינע עבדים.

די משנה זאגט **האומר על קן צפור יגיעו רחמיך משתקין אותו** - איימיצער איז זיך מתבונן אין די מצוה פון שילוח הקן - **שלח תשלח את האם,** ער זעהט אז מצות שילוח הקן איז חסד מיט די ברואים - און ער טראכט די רחמנות וואס ליגט אין די מצוה פון שילוח הקן, און ווען דעם זאגט ער "על קן צפור יגיעו רחמיך" הייסט מען איהם שווייגן, פארוואס? **שעושה מדותיו של הקב"ה רחמים -** ער מאכט ווי די טעם המצוה וואלט געווען רחמים **ואינם אלא דין -** און באמת איז דאס נאר דין אזוי ווי רש"י זאגט **להראות שאנו עבדיו -** מיר טוען שילוח הקן נאר כדי צו ווייזן אז מיר זענען עבדי ה', מיר טוען דאס נישט פאר קיין שום צוועק, אלע מצוות איז נאר פאר עבודת ה'.

אבער לכאורה איז דאס שווער צו פארשטיין ווייל די גמרא זאגט דאך **אמר רב לא ניתנו מצוות אלא לצרף בהן את הבריות -** אלע מצוות האבן א כוונה פון תיקון הבריות, דאס איז באמת דער כוונת הבורא פארוואס ער האט געמאכט אז עס זאל זיין מצוות אויף דעם אופן, כדי מענטשן וואס טוען מצוות זאלן זיך אויסלייטערן, מענטשן זאלן בעסער ווערן, א מענטש נעמט נישט אם על הבנים נאר שיקט אוועק דעם אֵם ווערט זיין כאראקטער אויס געלייטערט, און ער באקומט א

מדה פון רחמים, אוודאי איז דא א תועלת, אבער דאס איז אלעס מצד דעם נותן התורה, אבער מצד די מקיימי התורה דארף דאס נישט זייער כוונה, די מקיימי התורה דארפן האבן נאר איין כוונה להראות שהם עבדיו.

אזוי ווי מיר זאגן שבת און יו"ט **וטהר לבנו לעבדך באמת**, מיר זענען מקיים די מצוות פון שבת און יו"ט צו ווייזן אז מיר זענען עבדי ה', דאס איז אונזער כוונה אין אלע מצוות עשה און מצוות לא תעשה, אלעס איז נאר פארן צוועק צו זאגן אז ה' מלך, און דאס הייסט עבודה, דאס איז די הארץ, דאס איז די פינטאלע פון עבודה, צו זיין א עבד, - מיר טוען גארנישט פארן אויבערשטען, - א עבד טוט יא פאר זיין אדון אבער וואס קענען ברואים (באשעפענישן) טוען פארן בורא (באשעפער)? זייערע איינציגסטע עבודה איז "להראות שהם עבדיו", דאס איז די גאנצע עבודה, און אויב איימיצער קומט און טוט אויסטייטשן אן אנדערע כוונה למשל ער זאגט על קן צפור יגיעו רחמיך לאזט מען איהם נישט, נאר משתקין אותו.

עס איז פארהאן אין חז"ל טעמי המצוות אן א שיעור, אסאך מאל פרעגן זיי אויף געוויסע מצוות **מפני מה אמרה תורה** - פארוואס האט די תורה געזאגט דאס און דאס, און חז"ל תנאים ואמוראים האבן טאקע געפונען טעמים אין די מצוות, אבער סיי וואספארא טעמים מיר וועלן געפונען אין מצוות איז דאס אלס מצד דעם נותן התורה, אבער מצד די מקיימי המצוות טאר נישט זיין קיין אנדערע מחשבות, אדרבה משתקין אותו, עס איז נאר דא די כוונה פון עבודות צו ווייזן עבודה.

## התבוננות אין גדולת ה'

**עס** זענען דא פארשידענע תנאים אין עבודות, וואס אן די תנאים איז אוממעגליך צו האבן עבודה תמימה! איין תנאי וואס פאדערט זיך פאר עבודה איז צו דערקענען דעם מלכות ה', דאס רופט זיך אינעם לשון המקרא גדולת ה', דאס איז גאר א גרויסע סוגיא! ולגדולתו אין חקר... וגדולתך אספרנה... איבעראל וואו מ'טוט א קוק ווערט גערעדט נאכאנאנד וועגן דעם גרויסן חיוב פון שטודירן די גדולת ה', די תנאים און אמוראים האבן מעמיק חקר געווען אין דעם.

איין העלפט פון ספר תהלים איז אינגאנצן גדולת ה', וואס דאס איז מחייב אז מ'זאל פארברענגען דעם לעבן צו מתבונן זיין אין די פרטים פון ה' מלך - וואס דאס מיינט גדולת ה'. ווייל אויב איימיצער איז א עבד פון א אדון וועמען ער איז נישט מכיר איז ער נישט קיין ריכטיגער עבד, אויב ער מיינט אז זיין אדון איז קליין איז זיין עבודות א קליינע עבודות , וואס מער ער איז משיג אין גדולת האדון אלס גרעסער ווערט זיין עבודה, אויב איינער פוילט זיך אריינצוטראכטן אין גדולת ה' מיינט דאס אז ער פוילט זיך אין עבודה, ווייל זריזות אין עבודה פארלאנגט א זריזות אין מכיר זיין די גדולת האדון, עס איז טאקע נישט רגיל ביים עולם אזוי צו טראכטן אבער דאס איז תורה! דאס איז א חיוב!

דער חובת הלבבות איז מסביר אז "עבודה" איז פון לשון הכנעה פון א עבד צו זיין אדון. אט דאס איז ראש השנה מען ווערט מער נכנע **בראש השנה כמה דכייף איניש דעתיה**. אבער וואס ברענגט צו הכנעה? ווי מער א מענטש איז מכיר גדולת ה' ווערט ער מער נכנע, רייזנדע דערציילן אז ווען זיי באגעגענען זיך אין א גרויסן בארג ווערן זיי נכנע, אזוי שפירן זיי, אזוי איז א מענטש ווערט נתפעל פון א גרויסער זאך, ווען ער שטעלט זיך קעגן דעם בארג שפירט ער ווי קליין ער איז און ער ווערט נכנע, וואס איז דען א בארג ביים אויבערשטען ביים בורא כל העולמות א בארג איז דאך גארנישט, איז אוודאי און אוודאי קל וחומר בן בנו של קל וחומר בלי שיעור וערך ווערט א מענטש נכנע, ער שפירט זיך קליין, ווען ער שטייט לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה, דאס איז אלס דער ערשטער תנאי פון גדולת ה'.

דער דרך מתבונן צו זיין אין גדולת ה' איז דורך קוקן אויף די בריאה וואס ער האט באשאפן, פארוואס האט דער בורא געמאכט אזא גרויסע בריאה? פאר די מענטשהייט איז דאך נישט געווען

נויטיג צו האבן אזא גרויסע בריאה וואס ווען מיר קוקן דערויף האט דאס נישט קיין סוף, השמים ושמי השמים... דער מורא'דיגער גרויסקייט און ווייטקייט וואס געפונט זיך אינעם אוויר איז דאך אן א ברעג, דער בורא האט דאך גארנישט געמאכט אן א כוונה, נאר די כוונה דערפון איז זייער קלאר אז די בריאה איז געמאכט געווארן כדי מעיד צו זיין אויפן בורא.

יודוך ה' כל מעשיך, אלעס וואס דו האסט געמאכט טוט דיר לויבן, די שמים ושמי השמים זענען באשאפן געווארן אויף דיר צו לויבן, השמים מספרים כבוד א-ל ומעשה ידיו מגיד הרקיע, די הימלען דערציילן די גרויסקייט פונעם בורא, דאס איז זייער כוונה, קוקנדיג אויף די ווייטקייט אויף די גרויסקייט פון די בריאה דארף דער מענטש קומען צו די הכרה אז דאס איז א מעין, א כל שהוא פון גדולת הבורא.

און דאס איז באמת דער אנפאנג פון תשובה. אינעם יום הדין פון ראש השנה גיבט מען זיך נישט אפ מיט פרטים, מען זאגט נישט על חטא שחטאנו לפניך פאר דעם פרט און יענע פרט, ווייל דער יום הדין באהאנדלט דעם גרויסן כלל, דער גרויסער כלל פון תשובה איז צוריק צו קומען אדער צו אויפוועקן אין זיך די הכרה אז ה' מלך, דאס איז דער אנפאנג פון תשובה, ושבת עד ה' אלקיך - מיט תשובה קומט מען צוריק עד ה'. א עבד נאמן איז מקיים אט דעם יסוד פון די עבודה, דער יסוד פון מתבונן זיין און משיג זיין עפעס פון גדולת ה'. דאס איז דער ערשטער תנאי פון עבודה.

## התבוננות אין חסד ה'

**דער** צווייטער תנאי אין עבודה איז דער אנדערע האלב פון תהלים, איין האלב איז גדולת ה' און דער צווייטער האלב איז חסד ה'.

חסד ה' איז א יסוד פון עבודה און דאס איז דער צווייטער תנאי צו זיין נכנע צוליב הכרת טובה, צו זיין נכנע צוליב "מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי", אז יענער גיבט דיר און גיבט דיר אן א שיעור נאכאמאל און נאכאמאל און דו קענסט איהם קיינמאל נישט צוריק צאלן אפילו א כל שהוא ווערסטו נכנע.

אז מ'טוט א קוק אין גאנץ "אשרי" זעען מיר נאכאנאנד די צוויי פרטים גדולתך און חסדיך. **וגדולתך אספרנה** אבער דער גדולתך די גרויסקייט פונעם אויבערשטן איז פאר חסד, אזוי ווי ער זאגט נאכדעם זכר רב "טובך" יביעו וצדקתך ירננו. ווען מ'דערמאנט מלכות ה' **מלכותך מלכות כל עולמים** , אבער דער מלכות ה' איז אלעס פאר חסד אזוי ווי ער איז ממשיך ווייטער סומך ה' לכל הנופלים וזוקף לכל הכפופים, איבעראל וואו מ'טוט נאר א קוק זעהט מען אז ס'איז א מיזוג פון אט די צוויי יסודות פון עבודה, דער יסוד פון שטודירן די גדלות ה' און דער יסוד פון דערקענען די חסדי ה'.

דער וואס וויל זיין א מכיר אין חסד ה' זאגט ער **ברוך**, ברוך איז דער אויסדרוק פון הכרה אין חסד ה', ווייל וואס מיינט ברוך? ברוך איז פון לשון ברך ער בייגט די קני, דער וואס איז מכיר בייגט ער זיין קני אין הכנעה אלס הכרת הטוב,

דערפאר ווען מיר זאגן ברוך ביים אנפאנג שמונה עשרה איז מען כורע מען בייגט זיך די קני און מען בייגט זיך איין "מ'בייגט איין זיך" דער מענטש ווערט ביי זיך קליין, מען בייגט זיך און מען קומט נענטער צו די ערד ווייל ער איז איינגעבויגן אונטער א משא פון חסדי ה' אן א שיעור, און ביי מודים ווידער תחלה וסוף, פארוואס בייגט מען זיך? אלץ הכרת טוב, הכנעה, און אט די הכנעה דאס איז עבודה.

דערפאר א כהן גדול ווען ער שטייט שמונה עשרה בייגט ער זיך ביי יעדער ברכה, נישט נאר ביי די ערשטע ברכה און ביי מודים, נאר ביי יעדע ברכה אין שמונה עשרה בייגט זיך דער כהן גדול תחלה

וסוף, פארוואס איז זיין דין אנדערש? ווייל דער כהן גדול שפירט א גרעסערער חיוב פון הכנעה, ער האט באקומען אסאך א גרעסערער משא פון חסדי ה׳.

א מלך ווען ער שטעלט זיך שמונה עשרה איז **כיון שכרע שוב אינו זוקף** דער מלך בייגט זיך איין און ער בלייבט איינגעבויגן א גאנצן שמונה עשרה, פארוואס? ווייל ער האט אזא משא פון הכרת הטוב אויף זיין קאפ אז ער קען נישט אויפהייבן זיין קאפ פון בושה פון הכנעה, מה אשיב לה׳ כל תגמולוהי עלי, וואס קען איך צוריק געבן פארן אויבערשטען פאר אלעס וואס ער האט געטוען פאר מיר, דערפאר דער מלך כיון שכרע שוב אינו זוקף שנא׳ **ויקם המלך שלמה מכרוע על ברכיו** דער גאנצע תפלה זיינע האט שלמה המלך געזאגט איינגעבויגן , ווייל ער קען בכלל נישט הייבן דעם קאפ! דאס איז די מדה פון הכרת טוב און דאס איז די אמת׳ע צורה פון עבודה.

האבן מיר יעצט שטודירט צוויי יסודות פון "עבודה" אוןביידע זענען יסודות פון מלכות ה׳, ווייל אין מלך בלא עם א מלך קען נישט זיין סיידן ס׳איז דא עבדים, און עבד מיינט מכיר זיין די גרויסקייט און גוטסקייט פונעם אדון.

## מ׳דארף טוען למעשה

**א** איד דארף מאכן גדולת ה׳ אלס א חלק פון זיין לעבן, מתבונן זיין נאכאנאנד, שטענדיג דערגיין נאכמער און נאכמער, קיינמאל נישט זאגן; איך ווייס שוין... ס׳איז איבעריג צו רעדן... ס׳איז פשוט אז דער אויבערשטער איז גרויס אן א ברעג... מ׳דארף דאס נישט האבן... מ׳קען דאס וויסן אן דעם... מ׳ווייסט דאס פון די טבע... אלע זענען מכיר... אלעס איז סתם תירוצים אויף נישט צו טראכטן , דאס אלעס איז פוילקייט, זיך ארויסצודרייען פון עבודת ה׳, פארקערט מען דארף זוכן מער פרטים, מער ציורים, מער טיפקייט, מער שארפקייט פון הרגשה, נישט זוכן קיין פוילע תירוצים.

מה רבו מעשיך ה׳ כולם בחכמה עשית מלאה הארץ קניניך פארוואס זאגט ער דאס? כדי מיר זאלן דאס זען מיר זאלן דאס אויסנוצן און שטייגן פון דאס.

מ׳קען כסדר זען גדולת ה׳, נאר מ׳דארף האבן אויגן און מ׳דארף וועלן קוקן, און מ׳דארף זיך מתחייב זיין, דער וואס וויל זיין א עבד נאמן דארף נעמען אויף זיך א גאנץ לעבן א קאריערע פון אויסזוכן, אויספארשן גדולת ה׳, **ולגדולתו אין חקר**, חקר מיינט מ׳דארף חוקר זיין אין דעם. "אֵין חקר" מיינט נישט אז מ׳דארף זיך מייאש זיין און זאגן אז וויבאלד ס׳איז "אין חקר" איז צופיל און דערפאר טוט מען גארנישט, ניין! אין חקר מיינט עס איז נישט דא קיין ברעג צו די ארבעט, עס איז דא ארבעט פארן גאנץ לעבן!

און דער זעלבער איז מיטן צווייטער יסוד עס פארלאנגט זיך ארבעט אויף דעם, זכר רב טובך געדענקען די "רב טובך" א מענטש זאל נישט פארגעסן די אלע גוטס וואס דער אויבערשטער גיבט איהם און טוט מיט איהם.

דוד המלך זאגט **כוסי רויה** מיין כוס איז פול מיט דיין חסדים, וויאזוי איז דער כוס פון דוד המלך אלעמאל געווען פול? ווייל ער האט נישט געלאזט קיינמאל דעם כוס זיך אויסטרוקענען, ער האט אלעמאל געהאלטן דעם כוס פול מיט זכרונות, זכר רב טובך יביעו, יביעו איז פון לשון נובע, יביעו - עס האט כסדר איבערגעפלאסן איבער די ברעגעס פון א פולן כוס, ער האט אלעמאל געדענקט אלע חסדי ה׳ וואס האט פאסירט כל ימיו, און יעדן טאג וואס ס׳איז צוגעקומען א נייער חסד; נאך א טאג לעבן, נאך א טאג געזונט, נאך א טאג פרנסה, נאך א טאג שמחה, האט ער דאס מצרף געווען צום כוס, ביז דער כוס האט איבערגעגאסן, זכר רב טובך יביעו מ׳דארף געדענקען, אבער כדי עס זאל זיין כוסי

רויה פאדערט זיך ארבעט אויף דעם, דאס איז פון די יסודות און אן דעם יסוד וועט ער נישט זיין קיין עבד ה׳.

אזוי אויך דארף מען שטייגן פונעם אייגענעם לעבן, יעדער מענטש קען זען נפלאות - זאגט דער מסילת ישרים, יעדער מענטש קען זען נסים ונפלאות אין זיין לעבן ווי מיר זאגן אין די שמונה עשרה על נסיך שבכל יום עמנו ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת,

## דער ארבעט אויף ראש השנה

**ווען** עס קומט ראש השנה דארף מען צוריק קוקן צום פאריגן יאר, געדענקען אלע טעג וואס זענען פארביי-געגאנגען זינט יענעם ראש השנה ביז דעם ראש השנה.

ער איז געווען געבענטשט מיט ברכת ה׳; ברכות אן א שיעור, מ׳דארף זיך דערמאנען וואס איז געווען פאראיאר נאך ראש השנה, נאך יום כיפור, וואס איז געווען סוכות, און אזוי ווייטער אלע טעג פון יאר, זיך דערמאנען אלעס וואס איז פארגעקומען. אזוי ווי מיר געפונען אין פסוק ״**ויאמר ה׳ אל יעקב עלה בית אל ושב שם**״, דער אויבערשטער האט געזאגט צו יעקב אבינו , ״גיי ארויף צו בית אל און באזעצט דיך דארט״, אבער מיר זעהן אז יעקב איז אוועק געגאנגען פון דארט ער איז נישט געבליבן דארט וואוינען, נאר ושב שם מיינט בלייב דארט זיצן א שטיקל צייט און זיי זיך מתבונן, געדענק דעם גאנצן רייזע וואס דו האסט געמאכט צו פדן ארם און צוריק, די מעשה מיט לבן, געדענק די מעשה מיט עשו, געדענק געדענק, אלס׳דינג געדענק.

**וזכרת את כל הדרך** זאגט דער רבינו יונה עס איז א חיוב - א מצוות עשה אין דער תורה, אז א מענטש זאל מתבונן זיין אין זיין אייגענע לעבן דורכטראכטן וואס דער אויבערשטער האט געטוען פאר איהם.

דאס האט דער אויבערשטער געהייסן פאר יעקב אבינו גיי צו בית אל ושב שם זיץ און טראכט, זיץ און טראכט אדורך די גאנצע מעשה ווי איך האב דיר געראטעוועט פון סכנות, דו ביסט געקומען אלס אן ארימאן ״במקלי״ און יעצט קומסטו צוריק מיט גרויס מקנה, מיט א גרויסער קנין, מיט רייכטוהם וואס דו האסט גענומען פון בית לבן.

און אזוי דארפן מיר אויך טוען ושב שם - מ׳דארף זיך אוועק זעצן און טראכטן, ״וואס איז געווען פון יענע יאר ראש השנה ביז דער ראש השנה״, דאס איז א חלק פון דער עבודה וואס פאדערט זיך אויב איינער וויל זיין א עבד נאמן.

## שטאלצירן מיט די עבדות

**די** תוצאה, דער רעזולטאט פון די צוויי תנאים פון עבודה ברענגט אונז צו נאך א תנאי.

א דריטער תנאי פון עבודה איז א תוצאה פון די ערשטע צוויי תנאים, אז מ׳האט שוין מכיר געווען אז מ׳האט אזא אדון, א אדון וואס איז אזוי גרויס עד אין חקר, און א אדון וואס איז אזא טוב ומטיב, דארף דער עבד שטאלצירן, דארף דער עבד זיין מלא שמחה, און פול מיט כבוד אז ער קען זיין א עבד צו אזא אדון, דאס איז א תנאי פון עבודות, איינער איז א עבד און ער איז נישט שמח אין זיין עבודות איז ער סתם א שקלאף, אבער א עבד נאמן איז א שמח, ער גרויסט זיך מיט זיין עבודות, ער שטאלצירט צו האבן דעם כבוד צו דינען אזא מלך, א מלך אדיר און א מלך פון חסד, דאס איז דער גרעסטער כבוד, קיינער האט דאס נישט אין דער וועלט, ישראל עבדי! עם קרובו! דער אמת׳ער עבד ה׳, פרייט זיך, ער איז שש ושמח וואס ער האט זוכה געווען צו קענען דינען אזא מלך. אזוי גייט מען צו צו ראש השנה,

## נישט פארפירט ווערן פונעם גדלות האדם

**אבער** עס פאנגט זיך אלץ אן מיט כפיפות, דער מענטש דארף איינבייגן זיין **איך**, כמה דכייף איניש דעתיה וויפיל ער בייגט איין זיין **איך** איז אלץ בעסער, בטבע האט דער מענטש א **איך** וואס איז אזוי גרויס אז דאס פילט אן די גאנצע בריאה, דער **איך** פון א מענטש זאגט אני ואפסי עוד - נאר איך אויסער דעם איז גארנישט, דער **איך** פון א מענטש קאנקורירט מיט'ן בורא עולם, א מענטש וויל נישט מכיר זיין דעם אמת אז ער טראכט אזוי, אבער דער טיפקייט פון א מענטש'ס נשמה איז אז זיין גאוה פארנעמט זיך צו קאנקורירן מיט די וועלט, מיט די בריאה, **אמר הקב"ה אין אני והוא יכולין לדור בעולם אחד**, איך קען נישט וואוינען אין דער וועלט צוזאמען מיט דעם מענטש, די וועלט איז צו קליין פאר אונז ביידע.

ווייל דער מענטש איז גאר גרויס, דער מענטש איז גרויס אן א שיעור, זיין נשמה זיין חלק וואס דער אויבערשטער האט ארייגעבלאזן אין איהם האט אין סוף'דיגע גרויסקייט. אבער אט דער גרויסקייט אויב נוצט ער דאס נישט ריכטיג, איז דאס דער היפוך, דער ניגוד, דער סתירה צו עבודות דארף ער דאס אויסנוצן און איינבייגן זיין גרויסקייט, כייף איניש דעתיה - איינבייגן זיין דעת, זיין באוואוסטזייניגקייט ווער ער איז, און זאגן "מיט מיין גאנצער גרויסקייט בין איך א עבד וואס איז כפוף צום מלך מלכי המלכים הקב"ה", און ער זאל זיך פרייען מיט די עבודה, ער זאל שטאלצירן מיט די צוויי יסודות וואס מיר האבן שוין דורכגערעדט.

אזוי וועט דער מענטש זיין גרייט צו דעם תפקיד פון ראש השנה , און ער וועט קענען שטיין אויף די פיס א גאנצן טאג און שרייען בלב שלם ה' מלך.

בעת **שמחה** ווען אירווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין
און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן
אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571
פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




**צו באשטעלן ביי אונז**
**קונטרסים גליונות פאר:**

שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא״וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ״ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
**615.680.9029**
gilyonosshabbosgmail.com

*ליינט די גליון יעדע*
*וואך אין די קונטרס*
*״גליונות לשב״ק״,*



# שאלות ותשובות מיט ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

## שאלה:

**וואס פארא צוגאנג דארף א מענטש האבן ווען ער האט מתפלל פאר א געוויסע ענין און ער שפירט אז זיינע תפילות זענען נאכנישט געענטפערט געווארן?**

## תשובה:

**ס׳איז** נישט דא אזא זאך אז דער אויבערשטער ענטפערט נישט קיין תפילות. עס איז קלאר אז דער אויבערשטער ענטפערט אונז אויפ׳ן טאג וואס מיר האבן גערופן צו אים. עס שטייט: ״המלך יעננו ביום קראינו״, דער אויבערשטער ענטפערט דער טאג וואס מען רופט צו אים. אשירה לד׳ כי גמל עלי, איך רוף צום אייבערשטן ווייל ער האט מיר עס שוין געשאנקען. איר דארפט וויסן אז ווי נאר איר האט מתפלל געווען זענט איר שוין א גליקליכער געווינער! אבער דאס גליק קען צומאל קומען אין וועגן וואס איר ווייסט נישט אדער איר ווילט נישט האבן...

כ׳וועל אייך געבן א ביישפיל: ״נעם א אינגל וואס דארף אריבערגיין אן אפעראציע ארויסצונעמען זיינע טאנסילס אדער אפענדיקס, אדער סיי וואס ס׳זאל נאר נישט זיין. דער דאקטער סטראפט אים צו צום אפעראציע בעט אבער דער אינגל האט אנדערע השגות ווי ליגן אין א שפיטאל בעט. ווען דער דאקטער ווערט פארנומען מיט די הכנות צום אפעראציע רייסט ער זיך ארויס פון די בענדלעך און מאכט פליטה. ער האט וויכטיגערס צו ערלעדיגן. זיינע פוס טראגן אים גיך צו די אייז קרים סטאר וואו ער האנדלט זיך איין א געשמאקע אייז קרים פון פינף קאלירן, עטליכע אינטשעס הויך. אזוי זעט אויס אונזער לעבן, ווער דארף אן אפעראציע ווען מען קען לעקן א זיסע אייז קרים?!

ווען דער טאטע פאקט אים ביי די מעשה געט ער אים פאטש אז די אייז קרים פליט אין די לופטן... ער שלעפט אים ביים קאלנער גלייך צוריק אין שפיטאל אריין בשעת ער געט אים א מוסר דרשה: ״דו מיינסט אז די אייז קרים איז גוט? דו בעסטע זאך פאר דיר יעצט איז אן אפעראציע!״ דער פאטש וועט ראטעווען דעם קינד׳ס לעבן אז ער זאל נאך קענען עסן אסאך אייז קרימס אין זיין לעבן...

הקדוש ברוך הוא וועט אונז נישט געבן פונקטליך וואס מיר ווילן אין די מינוט וואס מיר ווילן עס. מיר זענען נישט קיין דאקטער זיך צו קענען אליינס אויסשרייבן א רעצעפט פאר אונזער רפואה. השי״ת דער רופא ווייסט בעסער וואס איז גוט פאר אונז כדי צו היילן אונזער גוף און נשמה. אבער תפילה העלפט אלעמאל, א מענטש איז קיינמאל נישט קיין דורכפאל ווען ער איז מתפלל. אפילו א צדיק וואס איז מתפלל פאר זיין רפואה און צום סוף געשעט א טראגעדיע זאל מען וויסן אז דאס איז זיכער פאר זיין טובה. קען זיין אז דער אויבערשטער וויל אים ארויסנעמען פון דער וועלט ווען ער איז נאך ריין. דארט אין גן עדן וועט ער געוואר ווערן אז ער האט פארלאזט דער וועלט אין די ריכטיגע מינוט.

אבער א מענטש קען קיינמאל נישט וויסן. מען האט שוין געזען גענוג מאל אז א מענטש האט מתפלל געווען אין דער דאקטער האט אים אין די לעצטע מינוט אראפגענומען פון די אפעראציע בעט און אים געשיקט קויפן אן אייז קרים...

מען האט שוין געהערט וואס דאקטוירים האבן געגעבן א שלעכטע באריכט, אן קיין שאנסן צו לעבן און צום סוף האט דער מענטש איבערגעלעבט דעם דאקטער. דאקטוירים מאכן גענוג טעותים נאר זיי זענען נישט מודה אין דעם, זיי זענען שטענדיג גערעכט אפילו ווען דער מענטש איז אויסגעגאנגען אונטער זייער מעסער וועלן זיי זאגן: ״אלעס איז געגאנגען כשורה נאר דער מענטש איז געשטארבן...״

בכלליות דארף מען וויסן אז קיין איין תפילה אדער א תנועה וואס א איד רעדט צום אייבערשטען ווערט נישט פארלוירן. דער אויבערשטער לייגט אוועק יעדע תפילה און ער ניצט עס פאר א צוועק וואס איז אסאך העכער ווי אונזער שכל קען באגרייפן און ווען משיח וועט קומען וועט מען זען פונקטליך וואו אונזערע תפילות זענען אנגעקומען.

## נדבת השבוע

זכות השבוע נתנדב

לע״נ לאה עטיל ב״ר שמואל ע״ה

יארצייט ג׳ תשרי

נתנדב ע״י משפחתו הי״ו

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה